בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר
בעזהשי"ת
יום ד' פ' וירא | י"ב חשון | תשע"א | סוטה ל"ח:

# באריכט:

נעכטן נאכמיטאג איז געקומען צו מרן רבינו שליט"א מחותנו האדמו"ר מ'מאשלוי שליט"א וועלכער מאכט אי"ה חתונה א זוהן קומענדיגע וואך בשטומ"צ, דער רבי שליט"א האט געשאנקען א מתנה פאר'ן חתן דעם ספה"ק ויואל משה.

⁂

נעכטן נאכט ווען דער רבי שליט"א האט געוויילט אין וויליאמסבורג אויפצונעמען אנ"ש לברך ולהתברך, איז דער רבי שליט"א געגאנגען מנחם אבל זיין הגה"צ דומ"ץ פשעווארסק וומסב"ג שליט"א און זיינע ברידער הי"ו וועלכע זיצן שבעה נאך זייער אומפארגעסליכער פאטער הרה"ח ר' יוסף סאקס ז"ל.

⁂

היינט אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה קטנה חלק א' אין קרית יואל ווי עס איז נאכ'ן דאווענען פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד להר"ר איתמר טובי' שווארץ שליט"א ר"מ בישיב"ק.

נאכ'ן דאווענען איז דער רבי שליט"א געגאנגען מנחם אבל זיין הגאון הגדול דומ"ץ קרית יואל שליט"א ואחיו הי"ו, וועלכע זיצן שבעה נאך זייער מוטער ע"ה, ווי עס האט זיך אנטוויקעלט א הלכה'דיגע שמועס בעניני אבילות.

⁂

## יציקת המקוה ביי בנין הישיב"ג – שיעור ד'

אין גאהר גינסטיגע אויפטוען פון די נייע הנהלת הישיבה – שיעור ד' וואס דער רבי שליט"א האט ממנה געווען מיט עטליכע וואכן צירוק, האבן זיי זיך גלייך ארייגעווארפן אין די עבודת הקודש מיט א געוואלדיגע איבערגעגעבנקייט און געשאפן א נויטיגע מקום וואס זאל דינען אלס רחבות'דיגע מקום תורה פאר די חשובע תלמידי הישיבה.

אין די פארגאנגענע וואך האט מען צוגעריסט דאס ביהמ"ד וועלכער געפונט זיך אויף דער חברון גאס אין קרית יואל, און היינט פארמיטאג האט מען געגאסן די מקוה בשטומ"צ, במעמד

פון מרן רבינו שליט"א ואתו עמו הרבנים הגאונים שליט"א הגה"צ רב ד'קהלתינו לאנדאן שליט"א וועלכער ווילט אצינד אין ניו יארק צו א משפחה שמחה, הגה"צ רב ביהמ"ד אבני צדק שליט"א, הגה"צ רב ביהמ"ד דברי חיים שליט"א, און נאך.

נאך די יציקה איז מרן רבינו שליט"א אריין אינעם בנין הישיבה ווי דער רבי שליט"א האט באוואונדערט די מייסטערהאפטיגע ארבעט וואס איז אריינגעלייגט געווארן דורך די געטרייע הנהלה צוצורישן דאס ארט פאר'ן באנוץ פון די ישיבה, און עס איז אויפן ארט פאהרגעקומען א מסיבת לחיים לכבוד המאורע ווי עס האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' ארי' דוב קארנבלי שליט"א ר"מ, דער חשובע'ר גאסט דער לאנדאנ'ער רב שליט"א, און דאן האט דער רבי שליט"א משמיע געווען דברות קודש.

ೋ•ೋ

## ניחום אבלים ביי הגאון דומ"ץ קרית יואל שליט"א

אין די טעג גייען טויזענטער אנ"ש און אזוי אויך צענדליגער רבנים ודיינים שליט"א מנחם זיין הגאון הגדול דומ"ץ קרית יואל שליט"א וועלכער זיצט אצינד שבעה נאך זיין מוטער ע"ה.

ווי געמאלדן איז דער רבי שליט"א געווען היינט פארמיטאג מנחם אבל זיין, נעכטן נאכמיטאג איז געקומען מנחם אבל זיין צווישן אנדערע כ"ק אדמו"ר מ'סקולען שליט"א, און האדמו"ר מ'קרעטשניף וומסב"ג שליט"א.

מארגן – דאנערשטאג נאכמיטאג וועט דער דיין שליט"א מיט די חשובע משפחה אריבערגיין אויף וויליאמסבורג זיצן דארט.

ೋ•ೋ

## ברוך דיין האמת

היינט אינדערפרי איז נפטר געווארן הרה"ח ר' חנני' יו"ט ליפא שטיינבערג ז"ל פון בארא פארק נאכ'ן נישט זיין געזונט א לענגערע צייט, די לוי' איז ארויס פארנט פון מונקאטשע'ר ביהמ"ד אין בארא פארק אויפן וועג צום ביה"ח אין קרית יואל.

ೋ•ೋ

## ניחום אבלים

משפחת הרה"ח ר' יוסף סאקס ז"ל זיצן שבעה ביז אום מאנטאג אינדערפרי.

מען זיצט שבעה אין וויליאמסבורג אויף 205 וואלאבאוט סט.

*ובלע המות לנצח*
*-בשורות טובות-*

ೋ•ೋ

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**